בס"ד

# דעם רבינ'ס ליכט



חקת תשפ"א
גליון 47

אייערע קינדער זאלט איר מודיע זיין
וואס דא האט זיך גיטאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

**אַ גוטן שַׁבָּת פַאר אַלע לעכטיגע קינדער.**

די וואָך פַּרְשַׁת חֻקַּת, שְׁטֵייט אין אָנְהֵייב פַּרְשָׁה "וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה וְאֶל אַהֲרֹן לֵאמֹר, זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה" דָאס איז די גֶעזֶעץ פוּן די תּוֹרָה, "דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ פָרָה אֲדֻמָּה תְּמִימָה" רֶעדְט צוּ די אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵיי זָאל נֶעמֶען אַ רוֹיטֶע קוּ גַאנְץ אָן אַ פֶעלֶער.

די פַּרְשָׁה פוּן פָּרָה אֲדֻמָּה קוּמְט אוּנְז מְגַלֶּה זַיין אַז מְ'קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין אוּן מַשִּׂיג זַיין קֵיין שׁוּם טַעַם אין די מִצְוֹת פוּן בַּאשֶׁעפֶער אוּן מֶען טָאר נִישְׁט אַרַיינְקְלֶערְן אין דֶער טַעַם פוּן די מִצְוֹת, אַזוֹי ווִי רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ שְׁרַייבְּט אוֹיף דֶעם פָּסוּק אַז דֶער שָׂטָן מִיט די פֶעלְקֶער זֶענֶען מְצַעֵר די אִידְן אוּן פְרֶעגְן וָואס אִיז דֶער טַעַם פוּן די מִצְוֹת, דֶערְפַאר הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט "חֻקָּה" דָאס אִיז דֶער גֶעזֶעץ מְ'טָאר אִין דֶעם נִישְׁט אַרַיינְטְרַאכְטְן, פַארְוָואס?

רַבִּי נָתָן אִין לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת (נְפִילַת אַפַּיִם ד') זָאגְט אַז די מִצְוָה פוּן פָּרָה אֲדֻמָּה אִיז "לֹא לְלַמֵּד עַל עַצְמוֹ יָצָא אֶלָּא לְלַמֵּד עַל הַכְּלָל כֻּלּוֹ יָצָא" דָאס מֵיינְט אַז נִישְׁט נָאר די מִצְוָה פוּן פָּרָה אֲדֻמָּה קֶען מֶען נִישְׁט אוּן מֶען טָאר נִישְׁט אַרַיינְטְרַאכְטְן אִין דֶער טַעַם, נָאר אַלֶע מִצְוֹת וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען בַּיים בַּארְג סִינַי, טָאר מֶען נִישְׁט אַרַיינְטְרַאכְטְן דֶער טַעַם נָאר מֶען דַארְף זֵיי מְקַיֵּים זַיין מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה.

אַזוֹי ווִי גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל זֶענֶען מְקַיֵּים די מִצְוֹת מִיט תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, ווַייל די טְעָמִים פוּן די מִצְוֹת זֶענֶען גָאר בַּאהַאלְטְן אוּן פַארְהוֹילְן, אַ מֶענְטְשׁ קֶען דָאס נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין.

מִיר בְּרֶענְגֶען אַ בְּרִיוו פוּן רֶבִּי נָתָן וָואס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן פַּרְשַׁת חֻקַּת, דֶער אָרְגִינַאלֶער בְּרִיוו אִיז גֶעוָוארְן גֶעשְׁרִיבְּן אִין אִידִישׁ, מִיר הָאבְּן דָאס אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט לוֹיט די הַיינְטִיגֶע אִידִישׁ.

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קֹדֶשׁ פָּרָשַׁת חֻקַּת תר"ב אוּמַאן:

שָׁלוֹם לִבְנִי נַחְמָן שֶׁיִּחְיֶה וְלִבְנִי יוֹסֵף יוֹנָה שֶׁיִּחְיֶה, לְמַעַן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בַּאגֶערְט צוּ לֶערְנֶען, ווֶעט אַייךְ תָּמִיד גוּט זַיין. די ווֶעלְט אִיז גָאר נִישְׁט, עֶס בְּלַייבְּט מֶער נִישְׁט נָאר תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים. וָואס אִיר ווֶעט דַארְפְן נֵייטִיג ווֶעל אִיךְ אַייךְ הֶעלְפְן בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אוּן גְרוֹסְקֵייט בַּאדַארְף מֶען נִישְׁט.

די טַייעֶרֶע מַלְבּוּשִׁים פַאר אִימֶערִין [פַארְשְׁוָוארְצָן] דֶעם מֶענְטְשְׁן דָאס לֶעבְּן, בִּפְרַט גִימֵיינֶע לַייט בִּפְרַט אַזוֹינֶע נִרְדָּפִים ווִי מִיר זֶענֶען, וָואס אִיטְלִיכֶער גִילְדִין קוּמְט מִיר אָן בְּנֵס גָּדוֹל, וָואס מֶען קָאן גָאר נִישְׁט דֶערְצֵיילְן מִכָּל שֶׁכֵּן אַרוֹיס שְׁרַייבְּן, נָאר פוּן דֶעסְט ווֶעגְן ווֶעט אוּנְז גָאט בָּרוּךְ הוּא הֶעלְפְן עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען אוּן אַ קַאפְּטִין.

לֶערְנְט אוּן דַאווִינְט אוּן הִיט אַייךְ פוּן שְׁלֶעכְץ אוּן זַייט פְרֵיילִיךְ. גַם זֶעהְט אִיר זָאלְט שְׁרַייבְּן אוֹיךְ אַלֶע טָאג. אוּן הַאלְט עֶרְלִיךְ אִמְּכֶם הַכְּשֵׁרָה. לְמַעַן הַשֵּׁם אִיר זָאלְט אַייךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִכָּל שֶׁכֵּן נִישְׁט שְׁלָאגִין, חַס וְשָׁלוֹם. אִיר זָאלְט קֵיין צַעַר חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אָן טָאן לְאִמְּכֶם תִּחְיֶה זַי הָארִיוֶוט אַרוּם אַייךְ גִינוּג.

אוּן זָאגְט תְּהִלִּים אַלֶע טָאג. אוּן הֵייבְּט אַייךְ אָן צוּגֶעוואוֹינֶען אוֹיסְרֶעדְן זִיךְ דָאס הַארְץ פַאר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ ווֶעט אַייךְ אַזוֹי ווָאוֹיל זַיין. נִיט [נָאר פַאר] אַייךְ אַלֵיין שְׁרַייבּ אִיךְ דָאס כִּי גַּם לַאֲחֵיכֶם הַגְּדוֹלִים שֶׁיִּחְיוּ שְׁרַייבּ אִיךְ דָאס, אוֹיךְ זֵיי דַארְפִין אַלֶע דִי רֵייד. נָאר אִיהר זֶענְט יוּנְגֶע קִינְדֶער אִיר זָאלְט לַאנְג לֶעבְּן. בֶּעדַארְפְט אִיהר פוּן הַיינְט זִיךְ גֶעווֹאוֹינֶען דֶערְמִיט צוּ גֵיין, צוּ טְרַאכְטִין רַק אוֹיף דֶעם אִינְטֶערְשְׁטְן תַּכְלִית.

אִיר זֶענְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם נִישְׁט קֵיין טִפְּשִׁים חַס וְשָׁלוֹם. אִיר ווֶעט פַארְשְׁטֵיין מַיינֶע רֵייד. נָאר אַז אִיר ווֶעט זֵיי מְקַיֵּים זַיין ווֶעט אִיר נָאךְ בֶּעסֶער פַארְשְׁטֵיין, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יַאֲרִיךְ יְמֵיכֶם וּשְׁנוֹתֵיכֶם בְּתוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים אָמֵן.

נָתָן הַנַּ"ל.

# דעם רבי'נס משלים



פאר אַסאַך יאָרן צוריק אין אַ הערליכע פּאַלאַץ האָט געהערשט אַ גרויסער און קלוגער קעניג. איין טאָג, רופט זיך אָן דער מלך צו זיין זון און זאָגט אים אַזוי:

**קעניג:** "מיין טייער קינד, די אויפגאַבע צו זיין אַ קעניג איז זייער גרויס, עס פאַרלאַנגט זיך אַ גרויס אַחריות און אַסאַך חכמה, יעצט אַז דו ביסט שוין ערוואַקסן, איז געקומען די צייט דו זאָלסט לערנען די אַלע חכמות אַזוי ווי עס פּאַסט זיך פאַר אַ בן מלך וואָס גייט איבערנעמען די מלוכה"

**בן מלך:** יאָ טאַטע, יאָ

**קעניג:** כדי צו לערנען חכמות, וועסטו דאַרפן זיך אַרויסלאָזן צו גאַר אַ ווייטע וועג, צו אַ פאַרשטופּטן שטאָט, אונטער די בערג.

**בן מלך:** אַ ווייטע שטאָט? אונטער די בערג?

**קעניג:** יאָ מיין קינד! נאָר אין דעם ווייטן שטאָט, געפונען זיך אַזעלכע גרויסע חכמים, וואָס וועלן דיך קענען אויסלערנען גרויסע חכמות.

**בן מלך:** געוואַלדיג.

**קעניג:** אויב אַזוי, מאָרגן אינדערפרי, וועט דיר אָפּוואַרטן אַ קעניגליכע פערד און וואָגן און הויף פון פּאַלאַץ, דיר אָפּצוטראָגן צו דעם שטאָט.

**בן מלך:** יאָ טאַטע, איך גיי זיך גרייטן צו די נסיעה!

אויפצומאָרגנס, האָט דער קעניג זיך געזעגנט פון זיין קינד.

**קעניג:** קינד מיינס, קום, קום, איך וויל בעטן פון דיר זייער אַ וויכטיגע זאַך. ניט ריכטיג אויס די צייט אין די לימודים, זאָלסט נישט גיין ליידיג אפילו איין מינוט, עס איז נישט דאָ נאָך אַזאַ אבידה ווי ווען מען פאַרלירט צייט!

**בן מלך:** יאָ טאַטע, שכוח טאַטע, אַלעס גוטס!

דער קעניג'ס קינד איז אַרויסגעפאָרן אינדרויסן פון מלך'ס קעניגרייך, נאָך אַפּאָר טעג איז ער אָנגעקומען צום ווייטן שטאָט. דער בן המלך האָט זייער פלייסיג געלערנט, און זיך גוט אַריינגעלייגט אין די לימודים וואָס מען האָט אים דאָרט געלערנט, ביז ער איז געוואָרן גאָר אַ געלערנטער חכם, באַקאַנט אין אַלע חכמות.

איין טאָג האָט דער בן המלך זיך גע'חזר'ט די טיפע חכמות וואָס ער האָט געלערנט, זיין לערער האָט זיך צו אים אָנגערופן מיט וואונדער! אוי ווי שיין בן המלך, אַזעלכע טיפע חכמות קענסטו! די האָסט שוין געלערנט אַלע חכמות וואָס מען קען נאָר לערנען! נישטאָ מער וואָס דיר צו לערנען! עס איז געקומען די צייט, די זאָלסטו צוריקפאָרן צו דיין טאַטן דער קעניג!

**בן מלך:** האַ! אַ גרויסן דאַנק אייך מיין לערער, אויף אַלעס וואָס דו האָסט מיט מיר געלערנט, אַ גרויסן דאַנק אייך, איר האָט מיר באמת אויפגעבויט.

**לערער:** יעצט גיי אַהיים מיין באַליבטער תלמיד.

דער בן המלך איז טאַקע אַהיים געפאָרן צום פּאַלאַץ, זיין טאַטע דער קעניג און אַלע גרויסע לייט פון קעניגרייך, האָבן אים אויפגענומען מיט גרויס פרייד, עס איז אַריבער אַפּאָר טעג, ביז איין טאָג איז דער קעניג געקומען צום זון און אים אַזוי געזאָגט:

**קעניג:** "מיין טייער קינד, איך וויל אַרויפלייגן אויף דיר אַן אויפגאַבע אַ שווערע אויפגאַבע, קום מיט מיר אין פּאַלאַץ, איך וועל דיר דאָרט מסביר זיין וואָס דו דאַרפסט טון.

**בן מלך:** יאָ טאַטע, אינטערסאַנט וואָס דער טאַטע וויל פון מיר בעטן.

**קעניג:** קינד מיינס, דו זעסט דעם גרויסן שטיין דאָ

**בן מלך:** וואָס הייסט? זיכער זע איך דאָס!

**קעניג:** איך וויל, דו זאָלסט טרעפן אַ וועג, דאָס אַרויפצוברענגען צו מיר אין פּאַלאַץ אויפן צווייטן שטאָק.

**בן מלך:** וואָס? דאָס אַרויפברענגען אין פּאַלאַץ?

**קעניג:** יאָ יאָ, מיט גרויס הצלחה.

**בן מלך:** ווי אַזוי וועל איך דאָס טון? דער שטיין איז אַזוי גרויס, אַזוי



המשך זייט 3

שְׁווער, וויאַזוי וועל אִיךְ דאס קֶענֶען אַרויפְטְראָגְן דעם צְווייטְן שְׁטאָק אין טאַטְנ'ס פּאַלאַץ? ווי אַזוי? מממממממ. הָא, אֵיין מִינוּט, אִיךְ הָאב אַ גוּטֶער אֵיינְפַאל! אִיךְ וועל צוּ דעם צוּבִּינְדן אַפָּאר גְרָאבֶּע שְׁטְרִיק, אַזוי וועל אִיךְ עֶס פְּרוּבִּירן שְׁלֶעפְּן, הָא, דאס אִיז אַ גוּטֶער גֶעדאנְק! אִיךְ הָאף אִיךְ וועל מַצְלִיחַ זַיין.

גֶעגאנְגֶען לָאמִיר צוּבִּינְדן אֵיינְס, הָאאאא! יֶעצְט וועל אִיךְ פְּרוּבִּירן שְׁלֶעפְּן.. הָאאָאָאָאָאָאָאָ ס'רִירְט זִיךְ נִישְׁט, רִירְט זִיךְ נִישְׁט, וואס זָאל אִיךְ טוּן? הָא אִיךְ ווייס, אִיךְ הָאב שוֹין פְּרִיעֶר גֶעטְרַאכְט פוּן דֶעם! אִיךְ וויל נֶעמֶען צְווֵיי פֶעסְטֶע פֶערְד פוּן שְׁטַאל, אִיךְ וועל זֵיי צוּבִּינְדן צוּם שְׁטֵיין, זִיכֶער וועט דאס אַרְבֶּעטְן, אַזוי וועל אִיךְ קֶענֶען שְׁלֶעפְּן דעם גְרָאבְּן שְׁטֵיין בִּיזְן אַרַיינְגַאנְג פוּן פַּאלַאץ, לַא לַא לַא

דאס אִיז אַ גוּטֶער אֵיינְפַאל, אִיךְ גֵיי יֶעצְט צוּ דִי פֶערְד, אִיךְ בִּינְד דאס צוּ. הָא גֶעעֶנְדִיגְט צוּבִּינְדן דעם שְׁטֵיין צוּ דִי פֶערְד, אוּן יֶעצְט פֶערְדלֶעךְ גֵייטְס פָּארְאוֹיס .......

אִיךְ מֵיין אַז דער שְׁטֵיין הָאט זִיךְ שוֹין אַבִּיסֶעלֶע גֶערִירְט, נָאךְ אַבִּיסְל, נָאךְ אַבִּיסְל, דִי פֶערְד קוּקְן מִיר אוֹיס זֵייעֶר מִיד, נָאךְ אַבִּיסְל, דִיאוֹ, נָא דִיאוֹ...

לָאמִיר זֶען, לָאמִיר זֶען, וואס גֵייט פָּאר, ס'הָאט זִיךְ בִּכְלָל נִישְׁט גֶערִירְט! אוֹי, טַאטֶע אִין הִימְל.

אַזַא צַעַר, אִיךְ הָאב אַזַא ווייטָאג, כְּ'הָאב אַזוֹי גֶעוואָלְט אוֹיסְפָאלְגְן מַיין טַאטְנ'ס בַּאפֶעל. אָבֶער אִיךְ בִּין נִישְׁט מַצְלִיחַ, אִיךְ הָאב נִישְׁט קֵיין עֵצָה!

דער קֶענִיג אִיז אַרָאפּ אִין הוֹיף פוּן זַיין פַּאלַאץ, צוּ זֶען וואס זַיין זוּן טוּט,

המשך אויף זייט 4



דער בְּרִיוו שְׁרַייבּ אִיךְ יֶעצְט זִיצְנְדִיג אוֹיף אַן עֶרָאפְּלַאן, שְׁוועבְּנְדִיג טוֹיזְנְטֶער קִילָאמֶעטֶער הֶעכֶער דִי עֶרְד, דער פְּלִיגֶער פָּארְט בַּאלְד אַרִיבֶּער הֶעכֶער דאס וואַסֶער וואוּ דער הֵיילִיגֶער רַבִּי אִיז אַרִיבֶּער גֶעפָארְן אוֹיפְן וועג קֵיין אוּן צוּרִיק פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

אִיךְ הָאב זִיךְ דֶערְמַאנְט אַז ווען רַבִּי נָתָן אִיז גֶעפָארְן קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז עֶר אַרוֹיף אוֹיפְן דֶעק פוּן דער שִׁיף אוּן זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט גֶענוּג אָפְּוואוּנְדֶערְן פוּן דִי חָכְמָה וויאַזוי דער שִׁיף אִיז גֶעבּוֹיט גֶעוואָרְן, וויאַזוי דִי לַיילֶעכֶער דִי לָאווִינְטְן זֶענֶען גֶעבּוֹיט אַז דִי ווִינְטְן זָאל דאס פִירְן וויאַזוי דִי לַיילֶעכֶער ווערְן אוֹיסְגֶעדְרֵייט.

אִיךְ מֵיין אוֹיב ר' נָתָן וואלְט גֶעפָארְן מִיט אַן עֶרָאפְּלַאן וואלְט אִין יְמֵי מוֹהֲרַנַ"ת גֶעוועֶן גֶעשְׁרִיבְּן אַפָּאר בְּלֶעטֶער, בַּאווּאוּנְדֶערְנְדִיג דֶעם וואוּנְדֶער לוּפְט-שִׁיפְל, וויאַזוי עֶס שְׁווִימְט אוֹיף דִי לוּפְט מִיט אַזַא שְׁנֶעלְקַייט אוּן רוּאִיגְקֵייט אַז כִּמְעַט וואס מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט אַז מֶען פְּלִיט. רַבִּי נָתָן וואלְט גֶעטְרָאפְן רְמָזִים לַעֲבוֹדַת ה' וויאַזוי מֶען קֶען אַזוֹי שְׁנֶעל אַרִיבֶּערשְׁפְּרִינְגֶען פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּם צְווייטְן, דִי צַייט אִיז אַזוֹי קְלֵיין אַז מֶען קֶען אִין מִינוּטְן אָנְקוּמֶען אַ גֶעוואלְד.

אִיךְ הָאב גֶעוואָלְט אִין דֶעם בְּרִיוו אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען דער חֵלֶק פוּן הוֹדָאָה, וואס אַ אִיד דַארְף דַאנְקְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶעס וואס עֶר טוּט פַאר אוּנְז. מִיר זֶענֶען שוֹין אַזוֹי צוּגֶעוואוֹינְט מִיט אַלֶע בַּאקְוועמְלִיכְקֵייטְן וואס מִיר זֶענֶען אַרוּמְגֶענוּמֶען הַיינְטִיגְן דוֹר, מֶען קֶען אִין אֵיין סְקוּנְדֶע הֶערְן אוּן רֶעדְן קֵיין חוּ"ל קֵיין אוּמַאן, שִׁיקְן אַ בְּרִיוו אִין ווֵיינִיגֶער פוּן אַ סְקוּנְדֶע, דְרוּקְן טוֹיזְנְטֶער סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים אִין עֶטְלִיכֶע שָׁעוֹת, אַרַיינְגֵיין אִין אַ בָּאס אוּן אָנְקוּמֶען אִין עֶטְלִיכֶע צְוואַנְצִיג מִינוּט פוּן בֵּית שֶׁמֶשׁ קֵיין יְרוּשָׁלַיִם א.ד.ג.

עֶס פֶּאלְט אוּנְז שוֹין נִישְׁט אַיין אַז מִיר דַארְפְן דַאנְקְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער פַאר דִי בְּרֵייטֶע אוּן גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן וואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן. לְמָשָׁל אוֹיב מִיר ווִילְן פָארְן קֵיין אוּמַאן, לָאמִיר זִיךְ גֶעבְּן אַ שְׁטֶעל אָפּ אוּן צוּרִיקְדְרֵייעֶן דֶעם זֵייגֶער הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק ווען פָארְן קֵיין אוּמַאן הָאט גֶעמֵיינְט נֶעמֶען אַ שִׁיפְל אוּן פָארְן אַפָּאר ווָאכְן, מִיט פִיל מִיטְמַאכֶענִישְׁן אוּן שְׁווֶערֶע קְרֶענְק וואס מֶען הָאט גֶעקֶענְט בַּאקוּמֶען פָארְנְדִיג אִין ווַאסֶער.

הַיינְטִיגֶע צַייטְן ווִידֶער, מִיט אֵיין שְׁפְּרִינְג אִיז מֶען שוֹין דָארְט, מֶען גִיבְּט אֲפִילוּ כָּשֵׁר'ע עֶסְן אוֹיפְן עֶרָאפְּלַאן, דער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז אִינְזִין אֲפִילוּ דָא אִין דִי לוּפְטְן ס'זָאל אוּנְז גָארְנִישְׁט פֶעלְן.

לָאמִיר זִיךְ טַאקֶע נֶעמֶען דִי פָּאר מִינוּט אִין טָאג, אַרַיינְצוּטְרַאכְטְן אִין דִי וואוּנְדֶער פוּן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנ'ס הֶערְלִיכֶע בְּרִיאָה אוּן זֶען וואסְפַארַא רַייכֶע צוּגֶעשְׁטֶעלְטֶע ווֶעלְט מִיר בַּאקוּמֶען פוּן בַּאשֶׁעפֶער ווֶעלְן מִיר קֶענֶען עֶפֶענֶען דאס מוֹיל אִים צוּ דַאנְקֶען.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דער עִיקָר הוֹדָאָה אִיז שֶׁבְּרָאָנוּ לִכְבוֹדוֹ, אַז מִיר זֶענֶען גֶעבּוֹירְן גֶעווָארְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מִיר הָאבְּן אַזַא שֵׁיינֶע תּוֹרָה, אַזַא שֵׁיינֶע פָאלְק כְּלַל יִשְׂרָאֵל, מִיט אַזֶעלְכֶע זִיסֶע הֵיילִיגֶע מִצְוֹת, מִיר דַאנְקְן טַאקֶע בַּיי מוֹדִים דְרֵיי מָאל אַ טָאג אוּן מִיר ווֶעלְן זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן דַאנְקְן אוֹיךְ אוֹיף אִידִישׁ מִיט דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אַזוֹי ווֶעלְן מִיר ווערְן דָבוּק צוּם הֵיילִיגֶען בַּאשֶׁעפֶער.

מֶען טֵיילְט שוֹין דאס עֶסְן אוֹיפְן עֶרָאפְּלַאן אִיךְ דַארְף שוֹין צוּעֶנְדִיגְן. מִיט פִיל דַאנְק פָארְן אַרַיינְלֵייגְן דֶעם בְּרִיוו.

מֹשֶׁה

# לאמיר זיך פאר הערן

# בחינה אויף ספורי מעשיות
## די צווייטע מעשה (3) סוף
## דער מלך און דער קיסר



**א. אינמיטן די מעשה דערציילט דער רבי אויף א מלך וויפיל קינדער האט דער מלך געהאט?**
- ❑ א בן יחיד
- ❑ זעקס זון
- ❑ ער האט בכלל נישט געהאט קיין קינדער

**ב. וואס האט דער מלך געטון פאר זיין זון?**
- ❑ ער האט אים קודם אפגעגעבן די מלוכה און נאכדעם אים חתונה געמאכט
- ❑ ער האט אים קודם חתונה געמאכט און נאכדעם אפגעגעבן די מלוכה
- ❑ ער האט אים נאר איבערגעגעבן די מלוכה

**ג. וואס איז די סיבה וואס דער בן מלך האט געזאגט - אז וועגן דעם, וויל ער גיין אויפ'ן ים**
- ❑ כדי זי זאל זיין געוואוינט צו דער לופט פון דער ים
- ❑ ווייל אפשר וועט מען אמאל דארפן אנטלויפן אין ים
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ד. וועלכע האר האט דער בן מלך געהאט אויפ'ן קאפ?**
- ❑ שווארצע
- ❑ ווייסע
- ❑ ער האט געהאט א פליח

**ה. וויאזוי האט די בת קיסר אריינגעווארפן דעם בן מלך אין ים?**
- ❑ דורך כישוף
- ❑ זי האט אויף אים געווארפן א שטיין
- ❑ דורך א ברען בריל

**ו. ווען האט זי געמאכט ער זאל אריינפאלן אין ים?**
- ❑ גלייך ווען ער האט אנגעהויבן ארויף גיין אויף די זעגל בוים
- ❑ ווען ער איז געווען אינמיטן זעגל בוים
- ❑ ווען ער איז שוין געווען אויפ'ן שפיץ זעגל בוים

**ז. האט די בת קיסר געזאגט אז זי איז א דאקטער, אדער נישט?**
- ❑ יא! אז זי איז א דאקטער
- ❑ זי איז אמאל געווען א דאקטער
- ❑ אז זי איז נישט קיין דאקטער

**ח. וואס איז געפעלין פאר די שרי המלוכה?**
- ❑ אז זייער מלכה זאל חתונה האבן מיט דעם דאקטער און דער דאקטער וועט זיין מלך
- ❑ אז זיי זאלן הרג'ענען דעם אלטן מלך
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ט. וואס האבן די שרים געזאגט ביי די באל פון דעם דאקטער?**
- ❑ וואספארא שיינקייט וואלט געווען אז די מלכה זאל נעמען דעם דאקטער
- ❑ וואו גוט וואלט געווען ווען מ'הרג'ט דעם אלטן מלך
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**י. וואס האט זיך דער דאקטער אנגערופן?**
- ❑ זייער גוט
- ❑ זייער גוט נאר מ'זאל דאס רעדן אין קעניגליכן פאלאץ
- ❑ עס וואלט זייער שיין געווען נאר מ'זאל דאס רעדן נישט מיט א פארטרונקענעם מויל

**יא. וויפיל מאל שטייט אין די מעשה די פריערדיגע ענטפער פון דער דאקטער?**
- ❑ איין מאל
- ❑ צוויי מאל
- ❑ דריי מאל

**יב. האבן זיך די מלכה און דער דאקטער מתחתן געווען?**
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ די מלכה האט זיך משדך געווען מיט דעם בן הסוחר

**יג. האט נאך דער מלך געלעבט ווען די מלכה און דער דאקטער זענען אנגעקומען?**
- ❑ יא
- ❑ ער איז געווען קראנק
- ❑ ניין

**יד. וועם האט דער דאקטער געהייסן קומען אויף די חתונה?**
- ❑ אלע אנטלאפענע
- ❑ אלע פארטריבענע
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**טו. וועמען האט מען גענומען אין תפיסה?**
- ❑ דער מלך וואס האט געברענגט די עלעף פאנעס
- ❑ דער בן הסוחר
- ❑ דער ערשטער בן מלך, דער בן הסוחר, און דער מלך וואס האט געברענגט די עלעף פאנעס

**טז. וואס האט די בת קיסר געזאגט פאר דעם בן המלך ביי די חתונה?**
- ❑ גיי צוריק צו דיין דלאנד מיט די עלעף פאנעס
- ❑ נעם די שיף מיט די סחורה
- ❑ קום אהער לאמיר אהיים פארן

**האבן זיי זיך אום געקערט אהיים אמן ואמן - מיט פיל הצלחה**

צו ענטפערן
די בחינות און
אריינגיין אינעם גורל,
02-5-3333-72
646-518-1095
צו הערן די געווינער
דרוק נומער 4



**ניי** אויפן
**טעלעפאן** ליין
מיר האבן צוגעלייגט
גאר א שיינע שיעור
די וואך די הקדמה אויף
ספר תנ"ך אויפן קנעפל
2-4 פון הויפט אריינגאנג

המשך פון זייט 3

## דעם רבי'נס משלים

**קֶענִיג:** פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען קֶען נִישְׁט אַרוֹיפְשְׁלֶעפְּן אַזַא שְׁטֵיין, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אוּן גֵייט צוּ מִיר אַ שְׁטָאק אַרוֹיף?

**בֶּן מֶלֶךְ:** וָואס ???? אִיז פַארְוָואס הָאט דֶער טַאטֶע מִיר דָאס בַּאפוֹילְן צוּ טוּן?

**קֶענִיג:** מַיין קִינְד, אִיךְ הָאבּ דִיר נִישְׁט בַּאפוֹילְן אוֹיפְצוּהֵייבְּן דֶעם גַאנְצְן שְׁטֵיין, אוֹיף אֵיינְמָאל. **בֶּן מֶלֶךְ:** וָואס?

**קֶענִיג:** מַיין כַּוָּונָה אִיז גֶעוֶוען דוּ זָאלְסְט דָאס צוּהַאקְן אוֹיף קְלֵיינֶע שְׁטִיקְלֶעךְ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע הַאמֶער, דֶערְנָאךְ זָאלְסְטוּ אַרוֹיפְבְּרֶענְגֶען דִי שְׁטִיקְלֶעךְ שְׁטֵיינֶער אֵיינֶע נָאךְ דִי צְוֵוייטֶע צוּם פַּאלַאץ!! יֶעצְט מַיין טַייעֶר קִינְד, לוֹיף בְּרֶענְג אַ הַאמֶער!!

**בֶּן מֶלֶךְ:** אִיךְ לוֹיף...

הָאט עֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען צוּ טוּן זַיין אוֹיפְגַאבֶּע? אַהַא אִיךְ זֶע, דֶער גְרוֹיסֶער שְׁטֵיין אִיז נָאךְ אַלְץ דָא! סְ'הָאט זִיךְ אֲפִילוּ נִישְׁט גֶערִירְט אַ בִּיסְקֶעלֶע!

**בֶּן מֶלֶךְ:** יָא טַאטֶע, אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט אַלֶע וֶועגְן אַרוֹיפְצוּשְׁלֶעפְּן דֶעם שְׁטֵיין, אָבֶּער דָאס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער, אַזַא גְרוֹיסֶע שְׁטֵיין!! אִיךְ הָאבּ דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט רוּקְן אֲפִילוּ אַ טְרָאפְּקֶעלֶע, אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט קַיין שׁוּם וֶועג פַארְדֶעם, טַאטֶע.

**קֶענִיג:** .....מַיין טַייעֶר קִינְד! הָאסְטוּ גֶעטְרַאכְט אַז אִיךְ וֶועל פוּן דִיר בֶּעטְן עֶפֶּעס וָואס דוּ קֶענְסְט נִישְׁט טוּן?

**בֶּן מֶלֶךְ:** אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעטְרַאכְט אַזַא זַאךְ.

***קוק אריין אין חיי מוהר"ן מעלת ההתבודדות תמ"א און קלינג אריין אין טעלעפאן, אריינצוזאגן דער נמשל 2-3-2#***